# יוֹם כִּיפּוּר





## מליץ יושר

הֶבֶל פִּיהֶם
שֶׁל תִּינוֹקוֹת
שֶׁל בֵּית רַבָּן

תשע"א

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל
מסאטמאר
קרית יואל בני ברק

ארויסגעגעבן דורך:
**תלמוד תורה יטב לב דרב"י מסאטמאר**
**בני ברק**

כל הזכויות שמורות ©

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# שאלות און ידיעות און ערקלערונגען אויף

# יום כיפור



בס"ד

# טַעֲמִים אוּן עִנְיָנִים אוֹיף יוֹם כִּפּוּר

## צְדָקָה

דִי קוֹל אוּן דִי גֶערוּדֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס אִידְן וַוארְפְן אַרַיין אִין דִי פוּשְקֶעס עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר, דָאס טוּט צוּמִישְן אַלֶע מְקַטְרִיגִים.

(פְּאֵר לַיְשָׁרִים, בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ)

## טֵיילְן לֶעקִיךְ

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז דֶער גַבְּאֵי פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ טֵיילְט עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מְזוֹנוֹת מִיט בְּרָאנְפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס נֶעמְט זָאגְט אוֹיב עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַנָאָה הָאבְן פוּן צְדָקָה דָאס יָאר, זָאל אִיךְ מִיט דֶעם אָפְּקוּמֶען.

(לִיקוּטֵי מֵאִיר בְּשֵׁם סֵפֶר נְהוֹרָא שְׁלִים)

## בִּרְכַּת הַבָּנִים

פַארְוָואס בֶּענְטְשְט מֶען דִי קִינְדֶער עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַארְנַאכְטְס?, וַוייל דֶעמָאלְטְס רוּהְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אוּן דִי טוֹיעֶרְן פוּן רַחֲמָנוּת זֶענֶען שׁוֹין גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן, אִיז גְרִינְגֶער אַז דִי תְּפִילוֹת אוּן בְּרָכוֹת פוּן טַאטְן זָאלְן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן.

(חַיֵּי אָדָם)

## סְעוּדַת עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר

מְ'פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר "קְרֶעפְּלֶעךְ", וָואס דָאס אִיז אַ טֵייג וָואס אִין דֶעם אִיז דָא פְלֵייש, דִי טַעַם אִיז, וַוייל פְלֵייש אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִין, אוּן דִי טֵייג אִיז מְרַמֵז אוֹיף רַחֲמִים, אוּן מְ'ווִיל מְרַמֵז זַיין אַז דִי דִינִים זָאל זַיין בַּאהַאלְטְן, אוּן נָאר דִי רַחֲמָנוּת זָאל זַיין אוֹיסְגֶעדֶעקְט אוּן מְ'זָאל זֶעהְן דִי רַחֲמָנוּת פוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער.

בס"ד

# טַעֲמִים אוּן עִנְיָנִים אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר

## דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילָה פוּן כָּל נִדְרֵי

דִי תְּפִילָה פוּן כָּל נִדְרֵי אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן אִין בָּבֶל וָואס דָארְט הָאט מֶען גֶערֶעדְט דִי אַרַאמִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, וֶועגְן דֶעם זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף אַרַאמִישׁ, אוּן מְ'זָאגְט עֶס דְרֵיי מָאל, אַז וֶוער סְ'הָאט נִישְׁט אִינְזִינֶען גֶעהַאט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל זָאל עֶס אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי צְוֵוייטֶע אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל.

* * *

דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל זָאגְט מֶען עֶס שְׁטִיל, דִי צְוֵוייטֶע מָאל אַבִּיסְל הֶעכֶער, דִי דְרִיטֶע מָאל זָאגְט מֶען עֶס גֶעהֶערִיג, וַוייל אַזוֹי וֶוערְט עֶס גֶעהֶערְט מִיט אַ פַּחַד אוּן שְׁרֶעק. נָאךְ אַ טַעַם, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס גֵייט אַרַיין צוּ אַ קֶענִיג דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל רֶעדְט עֶר שְׁטִיל, דִי צְוֵוייטֶע מָאל רֶעדְט עֶר שׁוֹין הֶעכֶער אַבִּיסְל, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעדְט עֶר שׁוֹין גֶעהֶערִיג, אִיז יֶעצְט וֶוען מְ'הֵייבְּט אָן צוּ דַאוֶוענֶען הֵייבְּט מֶען אוֹיךְ אָן אַזוֹי מִיט פַּחַד אוּן שְׁרֶעק פוּנֶעם קֶענִיג דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וָואס אִיז אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגְן.

## בִּרְכַּת שֶׁהֶחֱיָנוּ

מְ'דַארְף מַאכְן דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, צוּ וַוייזְן אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז אוּנְז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. מְ'זָאגְט עֶס צוּזַאמֶען מִיט דִי חַזָן פַאר מַעֲרִיב, אוּן מְ'זָאגְט עֶס אַבִּיסְל שְׁנֶעלֶער, כְּדֵי עֶס צוּ עֶנְדִיגְן פַאר דִי חַזָן, כְּדֵי מְ'זָאל קֶענֶען נָאכְזָאגְן אָמֵן אוֹיף דִי בְּרָכָה פוּנֶעם חַזָן.

## הַסְלִיחוֹת וְהַפִּיוּטִים

דִי סְלִיחוֹת מִיט תַּחֲנוּנִים מִיט דִי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וָואס מְ'זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר בֵּיינַאכְט אִיז אַנְשְׁטָאט דִי סְעוּדָה פוּן יוֹם כִּיפּוּר בֵּיינַאכְט.

בס״ד

# טַעֲמִים און עִנְיָנִים אויף יוֹם כִּפּוּר

## פַארְגִיסְן טְרֶערְן יוֹם כִּיפּוּר

דָאס עִנְיָן פוּן פַארְגִיסְן טְרֶערְן בַּיים דַאוְונֶען יוֹם כִּיפּוּר קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל: אַ קֶענִיג וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיין שׂוֹנֵא זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען נֶעבְּן זַיין פַּאלַאץ, הָאט עֶר זִיךְ בַּאוָוארְנְט דוּרְךְ צְוויי שְׁטַארְקֶע זַאכְן, אֵיינְס, עֶר הָאט גֶעבּוֹיט אַרוּם זַיין פַּאלַאץ אַ הוֹיכְן און שְׁטַארְקְן מוֹיעֶר, און צְווייטְנְס הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל צִיעֶן נֶעבְּן זַיין הוֹיז אַרוּם און אַרוּם אַ וַואסֶער וָואס פְלִיסְט כְּדֵי דֶער שׂוֹנֵא זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ צוּקוּמֶען נֶעבְּן זַיין הוֹיז.

דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ: מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס מִיר הָאבְּן אַמָאל גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקְן מוֹיעֶר אַנְטְקֶעגְן אוּנְזֶער שׂוֹנֵא, דֶעם יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט דָארְט גֶעמַאכְט רוּהֶען דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה וָואס זָאל בַּאשִׁיצְן אוֹיף אוּנְז פוּן אוּנְזֶערֶע פֵיינְט, אָבֶּער לֵיידֶער הֵיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, וֵוייל עֶס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, וֶוען מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מוֹיעֶר, דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם צְווייטְן שְׁטַארְקֵייט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל פַארְגִיסְן אַסַאךְ טְרֶערְן אַזוֹי וִוי אַ קְוָואל אַז עֶס זָאל וֶוערְן אַ יַם, כְּדֵי דֶער שׂוֹנֵא דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ אוּנְז, דֶעמָאלְטְס וֶועט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער דֶערְוֶועקְן אוֹיף אוּנְז זַיין רַחֲמָנוּת, און עֶר וֶועט אוּנְז בַּאשִׁיצְן אַנְטְקֶעגְן אוּנְזֶערֶע פֵיינְט וָואס ווִילְן אוּנְז חָלִילָה פַארְלֶענְדְן.

(תִּפְאֶרֶת עוּזִיאֵל)

## פַארְוָואס גֵייט מֶען נִישְׁט מִיט שִׁיךְ?

דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט שִׁיךְ יוֹם כִּיפּוּר, וֵוייל דוּרְךְ דִי תְּשׁוּבָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶוערְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֵייעֶר הֵיילִיג, אוֹיךְ דִי עֶרְד אוֹיף וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן אַז דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אַדְמַת קוֹדֶשׁ" הֵיילִיגֶע עֶרְד, דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט טְרֶעטְן דֶערוֹיף מִיט שִׁיךְ, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים סְנֶה, אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט אִיהְם גֶעהֵייסְן אוֹיסְטוּהְן זַיינֶע שִׁיךְ וֵוייל דִי עֶרְד אִיז הֵיילִיג.

(מְנַחֵם צִיּוֹן)

בס"ד

# טַעֲמִים און עִנְיָנִים אויף יוֹם כִּיפּוּר

## קִיטְל

אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט צְוֵויי טַעֲמִים פַאַרְוָואס מֶען טוט אָן אַ קִיטְל, אֵיינְס וַוייל יוֹם הַכִּיפּוּרִים זֶענֶען מִיר אַזוֹי וִוי מַלְאָכִים, און נָאךְ אַ טַעַם אִיז וַוייל דָאס אִיז אַ בֶּגֶד פון טוֹיטֶע. לִכְאוֹרָה זֶענֶען זִיךְ דִי צְוֵויי טַעֲמִים סוֹתֵר אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וַוייל לוֹיט דֶעם עֶרְשְׁטְן טַעַם אִיז דָאס מְעוֹרֵר שִׂמְחָה, און לוֹיט דֶעם צְוֵוייטְן טַעַם אִיז דָאס מְעוֹרֵר חָלִילָה פַאַרְקֶערְט. נָאר עֶס קֶען זַיין אַז בֵּיידֶע טַעֲמִים זֶענֶען אֵיין טַעַם, און בֵּיידֶע זֶענֶען נָאר מְעוֹרֵר שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מֶען אִיז אָנְגֶעטוּהְן מִיט דִי בְּגָדִים פון דִי טוֹיטֶע און פון דֶעם וֶועגְן קֶען מֶען נָאךְ מִתְפַּלֵל זַיין און אַלֶעס פַאַרֶעכְטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן. (מָרָן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל, לֵיל יוֹם הַכִּיפּוּרִים)

## בָּרוּךְ שֵׁם

יוֹם הַכִּיפּוּרִים בֵּיי קְרִיאַת שְׁמַע זָאגְט מֶען הוֹיעךְ "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד", כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר זָאגְט מֶען דָאס שְׁטִיל, דֶער טַעַם דֶערְפון אִיז, וַוייל מִיר טְרֶעפְן וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי דִי מַלְאָכִים לוֹיבְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער און זֵיי זָאגְן "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד" און עֶר הָאט דָאס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, און הָאט בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל דָאס זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט, אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶע'גַנְבֶ'ט אַ זַאךְ פון אַ פַּאלַאץ פון דֶעם קֶענִיג, און עֶר הָאט דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ, הָאט עֶר אִיהר גֶעהֵייסְן אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאצִירְן דֶערְמִיט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, נָאר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר זָאגְט מֶען עֶס שְׁטִיל, אָבֶּער יוֹם כִּיפּוּר וָואס מִיר זֶענֶען גְלֵייךְ צוּ דִי מַלְאָכִים זָאגְן מִיר דָאס מִיט אַ הוֹיכֶע שְׁטִימֶע.

(לְבוּשׁ סִימָן תרי"ט סְעִיף ב')

## פַאַרְוָואס רוּפְט מֶען יוֹם הַכִּפּוּרִים אַ לָשׁוֹן רַבִּים

דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער יוֹם טוֹב אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים "יוֹם הַכִּפּוּרִים", וַוייל אִין דֶעם טָאג אִיז אַ דָאפְּלְטֶע כַּפָּרָה, סַיי אוֹיף דִי לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, און סַיי אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

(חַיֵי אָדָם סִימָן תרכ"א סְעִיף קָטָן ח')

בס"ד

# טַעֲמִים אוּן עִנְיָנִים אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר

## דִי נֶעמֶען פוּן דִי יוֹם טוֹב

### יוֹם כִּיפּוּר

דִי טָאג וָואס דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ.

### יוֹם הַקָדוֹשׁ

דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דִי טָאג וָואס נָאר דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע פְּלַאץ אִין קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

## מִצְוַת וִוידוּי

מְ'דַארְף אַרוֹיס זָאגְן מִיטְן מוֹיל דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אַפִּילוּ אוֹיב אֵיינֶער טְרַאכְט בֵּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת, דַארְף עֶר אוֹיךְ עֶס אַרוֹיס זָאגְן מִיט דִי מוֹיל, ווייל אוֹיב הָאט עֶר אֵיינְמָאל גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט עֶר אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זַיינֶע מִצְווֹת גֵייט פוּן אִיהְם אַוֶועק אוּן סְ'גֵייט צוּ זַיין חַבֵר, אוּן סְ'קֶען זַיין אַז דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעמַאכְט אִיז יֶעצְט אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרָע.

## כֶּתֶר

כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ - "תִּטְהָרוּ" אִיז בְּגִימַטְרִיָא 620 אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט "כֶּתֶר", סְ'אִיז אַ רֶמֶז אַז יוֹם כִּיפּוּר זָאגְט מֶען "כֶּתֶר" בֵּיי אַלֶע תְּפִילוֹת אַנְשְׁטָאט "נַקְדִישְׁךָ", ווייל דִי טָאג אִיז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אוּנְז מְטַהֵר.

בס״ד

# טַעֲמִים און עִנְיָנִים אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר

## יוֹנָה הַנָבִיא אִין דִי בּוֹיךְ פוּנֶעם פִּיש

דִי מְפָרְשִׁים בְּרֶענְגֶען אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶעטוּהְן אַסַאךְ נִסִים מִיט יוֹנָה אִיהְם צוּ מַצִיל זַיין, גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען אַ מֶענְטְש נִישְׁט לֶעבְּן אִין אַ פִּיש אַפִילוּ אַ קוּרְצֶע צַייט, און יוֹנָה הַנָבִיא אִיז דָארְט גֶעוֶוען דְרַיי טֶעג און דְרַיי נֶעכְט. דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁפֵּייזְט דִי פִּיש מִיט דִי ״מָן״ אַזוֹי וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אִין מִדְבָּר, כְּדֵי דִי פִּיש זָאל נִישְׁט פַארְדֵייעֶן יוֹנָה'ן אַלְס שְׁפֵּייז.

אוֹיךְ יוֹנָה אַלֵיין הָאט זִיךְ דָארְט גֶעשְׁפֵּייזְט פוּן דֶעם מָן, דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט אוֹיךְ גֶעטוּהְן אַ חֶסֶד דֶערְמִיט וָואס דִי פִּיש אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ פוּנְקְט אִין דִי צַייט וָואס מְ'הָאט יוֹנָה'ן אַרַיין גֶעוָוארְפְן, און דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן דֶערְטְרִינְקֶען וֶוערְן.

אִין מֶדְרָשׁ שְׁטֵייט, אַז יוֹנָה אִיז אַרַיין אִין מוֹיל פוּן דִי פִּיש אַזוֹי וִוי אֵיינֶער שְׁפַּאצִירְט אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן פוּן דִי פִּיש זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי צְוֵויי פֶענְסְטֶערְס, און דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג, וִוי גְלֵייךְ סְ'וָואלְט דָארְט גֶעבְּרֶענְט צְוֵויי לִיכְט, רַבִּי מֵאִיר זָאגְט אַז אִין דִי פִּיש אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִילְיַאנְט, און פוּן דֶעם בְּרִילְיַאנְט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי לִיכְטִיג וִוי גְלֵייךְ דִי זוּן וָואלְט גֶעשַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ תַמוּז, און יוֹנָה הַנָבִיא הָאט אַלֶעס גֶעזֶעהְן וָואס עֶס אִיז דָא אִין יַם.

## תְּפִילַת נְעִילָה

בַּיים סוֹף נְעִילָה זָאגְט מֶען דִי פְּסוּקִים, קוֹדֶם דֶער חַזָן און נָאכְדֶעם אַלֶע מֶענְטְשְׁן

אֵיינְמָאל: **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ד' אֱלֹהֵינוּ ד' אֶחָד:**

דְרַיי מָאל: **בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:**

זִיבְּן מָאל: **ד' הוּא הָאֱלֹהִים:**

אֵיינְמָאל: **ד' מֶלֶךְ. ד' מָלָךְ. ד' יִמְלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד:**

נָאךְ קַדִישׁ בְּלָאזְט מֶען מִיט אַ שׁוֹפָר, און מְ'זָאגְט:

דְרַיי מָאל: **לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם:**

בס"ד

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר

## מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וועלכֶע טָאג פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי קָרְבָּנוֹת?

- ☐ צוֹם גְדַלְיָה
- ☐ שְׁלֹש עֶשְׂרֵה מִידוֹת
- ☐ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

ווען מַאכְן דִי פְרוֹיעֶן דִי בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה?

- ☐ בַּיי מַעֲרִיב ווען אַלֶע זָאגְן דִי בְּרָכָה
- ☐ בַּיי לִיכְט בֶּענְטְשְׁן
- ☐ זֵיי זָאגְן נִישְׁט דִי בְּרָכָה

דִי סֵדֶר הַתְּפִילּוֹת פוּן יוֹם כִּיפּוּר?

- ☐ מַעֲרִיב, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מוּסָף, נְעִילָה
- ☐ מַעֲרִיב, שַׁחֲרִית, מוּסָף, נְעִילָה, מִנְחָה
- ☐ מַעֲרִיב, שַׁחֲרִית, מוּסָף, מִנְחָה, נְעִילָה

וואס זָאגְט מֶען בַּיי יַעֲלֶה וְיָבֹא?

- ☐ יוֹם הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה
- ☐ יוֹם הַכִּיפּוּרִים הַזֶּה

עֲבֵירוֹת וואס אִיז צְווִישְׁן אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין חַבֵר אִיז יוֹם כִּיפּוּר נִישְׁט מְכַפֵּר, בִּיז?

- ☐ ווען עֶר ווֶעט תְּשׁוּבָה טוּהְן
- ☐ בִּיז ווען עֶר ווֶעט אִיהְם אִיבֶּערְבֶּעטְן

ווען בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר יוֹם כִּיפּוּר?

- ☐ נָאךְ מִנְחָה
- ☐ נָאךְ נְעִילָה
- ☐ נָאךְ מַעֲרִיב

ווען זָאגְט מֶען קִידּוּשׁ לְבָנָה?

- ☐ מוֹצָאֵי שַׁבָּת שׁוּבָה
- ☐ יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט
- ☐ מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה אִין זַיין שַׁאֲלָה

- ☐ בַּיי שַׁחֲרִית עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר זָאגְט מֶען נִישְׁט?
- ☐ מְ'שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת מִיט?
- ☐ מְ'קֶען אוֹיךְ שְׁלָאגְן כַּפָּרוֹת מִיט?
- ☐ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ מִצְוָה?
- ☐ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֶּענְטְשְׁן?
- ☐ יוֹם כִּיפּוּר גֵייט מֶען מִיט?
- ☐ יוֹם כִּיפּוּר גֵייעֶן דִי טַאטֶעס מִיט?
- ☐ פַאר כָּל נִדְרֵי פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן?
- ☐ יוֹם כִּיפּוּר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט?
- ☐ וֶועלְכֶע קָרְבָּן אִיז דֶער כֹּהֵן נִישְׁט מַקְרִיב?
- ☐ יוֹנָה אִיז גֶעוֶוען אִין דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִישׁ?
- ☐ בַּיי תְּפִילַת נְעִילָה אִיז אָפְן?

| | |
|---|---|
| ר | אַ דְרָשָׁה |
| ו | אַ וַוייסֶע הָאן |
| ו | אַ קִיטְל אוּן אַ טַלִית |
| ה | וָואס אִיז אַרוֹיס לַעֲזָאזֵל |
| ש | דִי אָרוֹן קוֹדֶשׁ |
| מ / ד | דִי טַאטֶעס זֵייעֶרֶע קִינְדֶער |
| א / ג | דְרֵיי טֶעג |
| י | וַואשְׁן |
| ב | מִזְמוֹר לְתוֹדָה |
| א | פַּאפָּאטְשְׁן |
| ר | פִישׁ אָדֶער גֶעלְט |
| א | צוּ עֶסְן |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ בְּרָכָה וָואס מְ'מַאכְט מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר

— — — — — — — — — — — —

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות ב"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות ב"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה אִין זַיין שַׁאֲלָה

(דִי תְּשׁוּבוֹת אִיז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע עָמוּד)

וֶועגְן דִי פָּסוּק
(וָואס שְׁטֵייט אִין יְשַׁעְיָה)
אִם יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם
כַּשָּׁנִים כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ

וַוייל וֶוען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אַ קָרְבָּן תּוֹדָה, וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן דִי קָרְבָּן יוֹם כִּיפּוּר בֵּיינַאכְט

וַוייל מִיט דִי הַארְץ טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ

וַוייל דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁט קֵיין עֶקְסְטֶערֶע מִצְוָה, נָאר כְּדֵי מְ'זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ פַאסְטְן יוֹם כִּיפּוּר

וַוייל מְ'דַארְף הָאבְּן מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר אַ לִיכְט וָואס מְ'הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט דֶעם יוֹם כִּיפּוּר צוּ קֶענֶען מַאכְן דִי בְּרָכָה בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט טוּט מֶען אִיהְם אָן וַוייס אִיז כְּדֵי צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מְ'לֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג.
וַוייל מִיר ווִילְן וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי ווִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען וַוייס וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין יֵצֶר הָרָע, הָאבְּן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר אַ יֵצֶר הָרָע.

וַוייל מְ'קֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טָאג בִּיז וֶוען מְ'בֶּעט אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

וַוייל וֶוען אַ חָכָם אִיז מַתִּיר אַ נֶדֶר זָאגְט עֶר דְרֵיי מָאל "מוּתָּר לָךְ"

וַוייל בֵּיי דִי הַפְטָרָה רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּשׁוּבָה וָואס דִי אֵיינְוואוֹינֶער פוּן דִי שְׁטָאט נִינְוֵה הָאבְּן גֶעמַאכְט, אוּן אוֹיךְ צוּ וַוייזְן אַז מְ'קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אַזוֹי ווִי יוֹנָה הָאט קוֹדֶם גֶעטוּהְן

אַ גַאנְצֶע טָאג אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט שׁוֹלֵט אוֹיף אוּנְז אוּן מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר אִיז עֶר צוּרִיק שׁוֹלֵט אוֹיף אוּנְז, דֶערִיבֶּער כְּדֵי אִיהְם צוּ פַארְמִישְׁן

וַוייל מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג וָואס מְ'הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע טָאג פַאר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער

וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע צֶעהְן טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם כִּיפּוּר אִיז מֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אִיז כְּדֵי יֶעצְט מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר וֶוען מְ'גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טֶעג גְלֵייךְ צוּ מַאכְן אַ מִצְוָה

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אַרַיין נָאר יוֹם כִּיפּוּר

__ __ __   __ __ __   __ __ __ __ __ __

בס"ד

# דִי תְּשׁוּבוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע עָמוּד

ש
בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר

מ
הֵייבְּט מֶען אָן מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר צוּ בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה

ק
זָאגְט מֶען דְרֵיי מָאל כָּל נִדְרֵי - אוּן אוֹיךְ דַארְפְן דְרֵיי חָשׁוּבֶ'ע מֶענְטְשְׁן שְׁטֵיין נֶעבְּן דִי עָמוּד בֵּיי כָּל נִדְרֵי

י
זָאגְט מֶען נִישְׁט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֵּיי שַׁחֲרִית מִזְמוֹר לְתוֹדָה

ש
טוּט מֶען אָן אַ קִיטְל יוֹם כִּיפּוּר

ד
לֵיינְט מֶען דִי הַפְטָרָה יוֹם כִּיפּוּר

י
מַאכְט מֶען דֶעמָאלְטְס פְרֵיילִיכֶערְהֵייט קִידוּשׁ לְבָנָה

ק
מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין בְּרָכָה אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

ה
נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן מְ'קִישְׁט עֶס אוּן מְ'בֶעט אִיבֶּער דִי סֵפֶר תּוֹרָה יוֹם כִּיפּוּר בֵּיינַאכְט

א
פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ נֶעמֶען דַוְקָא אַ וַוייסֶע הָאן

ד
צִינְדְט מֶען אָן אַ לִיכְט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

נ
קְלַאפְּט מֶען בֵּיי וִוידוּי אוֹיף דִי הַארְץ

בס"ד

# נֶעם אַרוּם בַּיי יֶעדֶע שַׁאֲלֶה זַיין תְּשׁוּבָה

## אַ יֶעדֶע תְּפִילָה וָוען מְ'זָאגְט עֶס יוֹם כִּיפּוּר

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| בַּיי וָועלְכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְט מֶען נִישְׁט וְעַל חֵטְא | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| וְחָתְמֵינוּ, וַחֲתוֹם, וְנֵחָתֵם | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| כָּל נִדְרֵי | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| לְדָוִד מִזְמוֹר | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| לְקֵל עוֹרֵךְ דִּין | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| מַפְטִיר יוֹנָה | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| סֵדֶר עֲבוֹדַת יוֹם כִּיפּוּר | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |
| שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים | מַעֲרִיב | שַׁחֲרִית | מוּסָף | מִנְחָה | נְעִילָה |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# אַ תַשְׁבֵּץ אויף עִנְיָנִים פון יום כִּיפּוּר

1) צוֹם גְדַלְיָה
2) עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה
3) בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר
4) י״ג מִידוֹת
5) שַׁבָּת שׁוּבָה
6) מִנְהַג כַּפָּרוֹת
7) סְעוּדָה הַמַפְסֶקֶת
8) תַּעֲנִית
9) יוֹם הַכִּיפּוּרִים
10) יוֹם הַקָדוֹשׁ
11) קִיטְל
12) טַלִית
13) בִּרְכַּת הַבָּנִים
14) תְּפִילַת זַכָּה
15) ווידוי
16) תְּשׁוּבָה
17) כָּל נִדְרֵי
18) סָלַחְתִּי
19) מַעֲרִיב
20) שַׁחֲרִית
21) מוּסָף
22) עֲבוֹדַת כֹּהֵן גָדוֹל
23) מִנְחָה
24) נְעִילָה
25) סְלַח לָנוּ
26) מְחַל לָנוּ
27) כַּפֵּר לָנוּ
28) קִידוּשׁ לְבָנָה
29) הַבְדָלָה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ת | ס | ע | ו | ד | ת | ה | מ | פ | ס | ק | ת | ש | ו | ב | ה | ע |
| נ | ו | י | מ | ו | ס | פ | פ | י | ל | ט | י | ק | ע | ל | י | ש | ב |
| ח | ח | ו | ל | י | ט | נ | ע | י | ל | ה | י | ת | א | ש | ר | ח | ו |
| ה | ח | מ | ס | ט | ר | ט | ת | ב | ל | ד | כ | י | י | ת | ע | ר | ד |
| י | א | ה | נ | ל | ו | ו | ר | ו | ו | ת | ג | פ | י | נ | מ | י | ת |
| ו | ר | ק | ב | ל | ח | כ | פ | ש | ר | מ | ז | מ | ר | פ | ע | ת | כ |
| ו | נ | ד | י | ו | ת | ל | ל | י | י | פ | י | כ | ו | ל | ו | ת | ה |
| י | כ | ו | נ | ה | ש | ב | נ | ד | כ | ת | כ | ב | ה | צ | נ | ס | נ |
| ד | ז | ש | ב | ל | נ | ת | ו | ו | ש | ה | ל | ג | ז | ו | ל | ו | ג |
| ו | ל | נ | ה | ה | כ | ת | ב | ו | ו | ר | מ | י | ה | ח | ל | מ | ד |
| י | י | ה | ל | ד | ב | ה | ב | ש | ו | מ | ו | ו | ת | נ | ח | ר | ו |
| מ | ב | י | נ | כ | ס | ה | ל | ע | ש | ו | ר | י | י | י | מ | מ | ל |

וֶוען מ׳עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען דִי אַלֶע אִיבֶּער גֶעבְּלִיבֶּענֶע אוֹתִיוֹת
אוּן עֶס אַרֵיין שְׁרֵייבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן
אֵיינֶע פוּן דִי וְעַל חֵטְא׳ס וָואס מ׳זָאגְט יוֹם הַקָדוֹשׁ

בס"ד

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי טַייטְשׁ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע "עַל חֵטְא"

# עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ

אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר

| | | | |
|---|---|---|---|
| בְּאֹנֶס וּבְרָצוֹן: | | ש | אָפֶּענֶערְהֵייט אוּן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט |
| בְּאִמּוּץ הַלֵּב: | | כ | אַרוֹיס זָאגְן פוּן דִי לִיפְּן (מוֹיל) בְּרָכוֹת אוּן תְּפִילָה אָן אַ רִיכְטִיגֶע כַּוָונָה |
| בִּבְלִי דָעַת: | | כ | טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע כַּוָונוֹת |
| בְּבִטּוּי שְׂפָתָיִם: | | ב | מִיר הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט נָאר מִיט דִי מוֹיל אַז מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט זִינְדִיגְן |
| בְּגָלוּי וּבַסָּתֶר: | | ו | נִישְׁט וִויסְנְדִיג (בְּשׁוֹגֵג) |
| בְּדִבּוּר פֶּה: | | ב | סַיי גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט אוּן סַיי מִיט אַ וִוילְן |
| בְּהִרְהוּר הַלֵּב: | | מ | רֶעדְן זַאכְן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט |
| בְּוִדּוּי פֶּה: | | ר | שְׁטַארְקְן דָאס הַארְץ (אוּן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי יֵצֶר טוֹב) |

בס"ד

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי טַייטְשׁ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע "עַל חֵטְא"

| | | | |
|---|---|---|---|
| בְּזִלְזוּל הוֹרִים וּמוֹרִים: | ◯ | ד | גֶעשְׁטַארְקְט דִי הַאנְט צוּ שְׁלָאגְן אַ חַבֵר |
| בְּחוֹזֶק יָד: | ◯ | ו | זִיךְ לָאזְן אָנְרֵייצְן פוּן דִי יֵצֶר הָרָע |
| בְּחִלוּל הַשֵׁם: | ◯ | כ | מְטַמֵא זַיין דִי לִיפְּן (מוי"ל) מִיטְן רֶעדְן אוּמְוֶוערְדִיגֶע רֵייד |
| בְּטִפְּשׁוּת פֶּה: | ◯ | ת | מִיט וָואס מְ'הָאט גֶעווּאוּסְט אוּן מִיט וָואס מְ'ווייסְט נִישְׁט אַז מְ'הָאט גֶעזִינְדִיגְט |
| בְּטֻמְאַת שְׂפָתַיִם: | ◯ | ו | מִיט רֶעדְן לֵיצָנוּת |
| בְּיֵצֶר הָרָע: | ◯ | ל | מִיט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף אַ חַבֵר |
| בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים: | ◯ | ל | מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן |
| בְּלָצוֹן: | ◯ | ו | נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אוּן רֶבִּי'ס |
| בְּלָשׁוֹן הָרָע: | ◯ | מ | פַארְשְׁוֶוערְן דִי נָאמֶען פוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער |

בס"ד

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי טַייטְשׁ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע "עַל חֵטְא"

| | | | |
|---|---|---|---|
| בְּמַאֲכָל וּבְמִשְׁתֶּה: | ○ | ל | אַרוּמְגֵייעֶנְדִיג צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן |
| בְּרִיצַת רַגְלַיִם לְהָרַע: | ○ | מ | מִיט פֵּיינְט הָאבְּן אַ אִיד אוּמְזִיסְט |
| בִּרְכִילוּת: | ○ | ע | מִיט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אָן אַ בְּרָכָה אָדֶער עֶסְן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט |
| בְּשִׂנְאַת חִנָּם: | ○ | ו | דִי פוּס אִיז גֶעלָאפְן צוּ טוּהְן שְׁלֶעכְטְס |

## וְעַל כֻּלָּם, אֱלוֹהַּ סְלִיחוֹת

אוּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מִיר הָאבְּן דֶערְמַאנְט, בֶּעטְן אוּנְז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מוֹחֵל

| | | | |
|---|---|---|---|
| סְלַח לָנוּ | ○ | ד | פַארְגֶעבּ אוּנְז |
| מְחַל לָנוּ | ○ | ו | פַארְצֵיי אוּנְז |
| כַּפֵּר לָנוּ: | ○ | ע | זַיי אוּנְז מוֹחֵל |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּנֶעם כֹּהֵן גָדוֹל דִי נָאמֶען פוּן דֶער אֵייבִּישְׁטֶער

☐☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐ ☐☐☐☐

☐☐☐ ☐☐☐☐☐

בס"ד

# מֶעק אוֹיס דִי נוּמֶערְן וָואס בַּאטְרֶעפְן

**ג – ה – ז – ט – נ – ע – פ – צ – ק – ש – ת**

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 6 | 3 | 5 | 10 | 1 | 7 | 40 |
| 9 | 200 | 4 | 50 | 60 | 30 | 8 |
| 400 | 10 | 70 | 20 | 4 | 2 | 80 |
| 200 | 90 | 100 | 20 | 300 | 400 | 80 |

דִי אַנְדֶערֶע נוּמֶערְן שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹתִיוֹת וָואס זֵיי
בַּאטְרֶעפְן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ
וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַ פָּסוּק וָואס מְ'זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר בֵּייַנאכְט:

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| | | | | |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| | | | | |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א ־ בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל ־ בני ברק

בס״ד

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף יוֹם כִּיפּוּר

## שְׁרַייבּ אַרֵיין דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה בַּיי דִי קֶעסְטְלֶעךְ וָואס אִיז בַּיי דִי אַנְדֶערֶע עָמוּד

**ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי סֵדֶר הַוִידוּי?**

ו ע — לוֹיט דִי סֵדֶר פוּן דִי עֲבֵירוֹת

ח ט — לוֹיט דִי סֵדֶר פוּן א׳ ב׳ ג׳ ד׳

**בַּיי וֶועלְכֶע קְרִיאַת שְׁמַע זָאגְט מֶען הוֹיךְ ״בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד?**

ל כ — בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע פוּן מַעֲרִיב

א נ — בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע פוּן מַעֲרִיב אוּן פוּן שַׁחֲרִית

**וֶועלְכֶע קְדוּשָׁה ווֶערְט גֶעזָאגְט בַּיי דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה׳ס פוּן יוֹם כִּיפּוּר?**

ל מ — בַּיי שַׁחֲרִית ״נַקְדִּישָׁךְ״, בַּיי מוּסַף ״כֶּתֶר״, בַּיי מִנְחָה אוּן נְעִילָה ״נַקְדִּישָׁךְ״

ו צ — בַּיי אַלֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה׳ס זָאגְט מֶען ״כֶּתֶר״

**וֶועלְכֶע צְווֵיי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זֶענֶען נִפְטַר גֶעווָארְן ווַייל זֵיי זֶענֶען אַרֵיין אִין קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים?**

ו ר — נָדָב וַאֲבִיהוּא

ו ת — אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר

**וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דִי גוֹרָלוֹת אוֹיף דִי קָרְבָּן לַה׳ אוּן לַעֲזָאזֵל?**

נ ו — דֶער כֹּהֵן גָדוֹל

ש ו — דִי קִינְדֶער פוּן דִי כֹּהֵן

**וָואס הָאט דֶער כֹּהֵן גֶעמַאכְט צְווִישְׁן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דִי קְלֵיידֶער פִינֶעף מָאל?**

ב ה — גֶעדַאוְונְט

ס ל — זִיךְ גֶעטוֹבְלְ׳ט

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א ־ בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל ־ בני ברק

בס״ד

**פון װען האט מען געדאַרפט אָנגרייטן דעם משלח פון די שעיר לעזאזל?**

| ת ל | פ ו |
|---|---|
| פון ערב יום כיפור | פון צום גדליה |

**וויפיל מאל האט דער כהן געדאַרפט שפריצן פון די בלוט?**

| נ ו | ב ו |
|---|---|
| איין מאל אויבן און זיבן מאל אונטן | זיבן מאל |

**װעמען האט דער אייבערשטער געשיקט צו די שטאט נינוה?**

| י ו | ו י |
|---|---|
| יונה הנביא | יואל הנביא |

**ביי װעלכע תפילה זאגט מען יא ״אבינו מלכינו״ װען יום כיפור פאלט אויס אין שבת?**

| צ ר | ד ר |
|---|---|
| ביי נעילה | ביי מנחה |

**וויפיל תקיעה׳ס בלאזט מען ביי נעילה?**

| נ ו | כ ו |
|---|---|
| נאר איין תקיעה | תקיעה, שברים, תרועה |

**װעסטו טרעפן איינע פון די פזמונים װאס מ׳זאגט יום כיפור ביים דאווענען**

## ידיעות אויף יום כיפור

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א – בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל – בני ברק

בס"ד

# שרייב אריין די ערשטע אות פון די תשובה אין די קעסטל

**וועט אויסקומען ווי אזוי מ'וואונטשט זיך אן אין די טעג פאר יום כיפור**

ווי אזוי ווערט אנגערופן דער וואס איז כובש את יצרו? ☐ ______________

אויף וועלכע זייט דאוונט מען שמונה עשרה? ☐ ______________

ווער פון די אמהות איז געווארן א כלה ביי די דריי יאר? ☐ ______________

ווי אזוי ווערט אנגערופן די מצוה פון פרה אדומה? ☐ ______________

וואס טונקט מען איין אין האניג ראש השנה? ☐ ______________

וועמען האט יעקב געשיקט פאראויס קיין מצרים? ☐ ______________

וואו ליגט דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי? ☐ ______________

פאר'ן אויספאסטן ערב יום כיפור מאכט מען? ☐ ______________

פון די סימנים וואס מ'פירט זיך צו עסן ראש השנה? ☐ ______________

ביי וועלכע פרשה שטייט די ערשטע זיבן מכות? ☐ ______________

וועמען האט בלק גערופן צו שעלטן די אידן? ☐ ______________

אין וועלכע פלאץ איז געווען די עקידת יצחק? ☐ ______________